שנה ד'
נומער 179
**פרשת חקת-בלק**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**גערדאנקען**
**וויאזוי ארבעט תשובה?**

**פאר די אידישע שטוב**
**די לאטערי געוואונער**

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה**
**סתם צוריסן געלט פאר א שטריימל?!**

**מיט א טיפערן בליק**
**שוואכע?**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169




שטעטל נייעס
פרישע עירוב טראק
4


היכל הקודש נייעס
פרישע טרער אויף הרה"ח ר' יחזקאל פריעדמאן ז"ל
5


געדאנקען
וויאזוי ארבעט תשובה?
6


מיט א טיפערן בליק
שוואכע?
16


סעודה מיט'ן ר"י
יום טוב שבועות
22


די אידישע שטוב
די לאטערי געווינער
28


## זמנים Liberty
חקת-בלק י"ב תמוז תשפ"ג

הדלקת הנרות........08:19
מוצאי שבת ............ 09:49

מנחה מעריב פנחס ... 09:30


מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אלי' פערל הי"ו**
**וזוגתו רייזל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נפתלי אפעלדארפער הי"ו**
**וזוגתו חנה מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון צווי אייניקלער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

MINT COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# שטעטל נייעס

## נייע עירוב טראק אין שטעטל געברענגט פון שטאט קענסעס



די איבערגעגעבענע וועד העירוב אינעם שטעטל לייגט אריין גאר גרויסע כוחות יעדע ערב שבת, די טייערע אינגעלייט געבן אוועק שעות יעדן ערב שבת דורכצוגיין די גאנצע לענג פונעם עירוב צוים, צו זיכער מאכן אז אידישע קינדער קענען טראגן אינעם שטעטל כהלכה.

ביי פארשידענע פלעצער אינעם עירוב ווי די בענדלעך לויפן הויך, באנוצן זיך די חברי הוועד מיט א יוטיליטי טראק וואס הייבט זיך צום ריכטיגן הייעך ווי מען קען איבערקוקן דעם בענדל און זיכער מאכן אז עס איז כשר. לעצטענס האט זיך אבער געמאכט א פאנטשער אז דער טראק וואס איז שוין געווען אלט און אפגענוצט האט פון איין מינוט צום צווייטן אויפגעהערט צו ארבעטן. נאכן איבערקוקן די אפציעס האט מען געזען אז דער טראק קען מען מער נישט נוצן. מען האט אנגעהויבן בעטן דעם אויבערשטן מען זאל טרעפן א פרישע פאסיגע טראק וואס זאל קענען דינען דעם וויכטיגן צוועק. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געטראפן אזא טראק פאר א גוטע פרייז אונטער $130,000.

דא אבער האט מען זיך געדארפט ספראווען מיט א פראבלעם, היות די טראק איז געליגן אינעם שטאט קענסעס, וואס אויב דרייווט מען דעם גאנצן וועג מיט א קאר בלי הפסק נעמט עס בערך אכצן שעה, איז ווער וועט זיין גרייט דאס צו ברענגען פון קענסעס?

דאן איז ארויפגעקומען אויפן געדאנק הבחור ישעי' וויזעל נרו יאיר. מיט א האלבע יאר צוריק אינמיטן ווינטער, ווען מען האט געדארפט קויפן נאך א שאטל, און מען האט געטראפן אזא באס אין אָהייאָ, איז ישעי' געווען דער וואס איז אפגעפלויגן קיין אָהייאָ און געברענגט דעם באס א וועג פון צען שעה צום שטעטל.

יעצט ווען ישעי' האט געהערט אז מען זוכט א וואלונטיר צו ברענגען אן עירוב טראק צום שטעטל און ער האט נאך א געלעגעהייט צו העלפן דעם ראש ישיבה שליט"א האט ער זיך תיכף צוגעכאפט דערצו. ער איז אפגעפלויגן קיין קענסעס, און דערנאך זיך ארויסגעלאזט מיט'ן טראק צום שטעטל, א וועג וואס האט אים גענומען איבער צוויי און צוואנציג שעה - נאכדעם וואס מען טאר נישט דרייוון אזוי לאנג אין א ציה, און מען מוז זיך אפרוען אינמיטן צו שעפן פרישע כחות.זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס.

דא איז אויך די געלעגענהייט צו דאנקען די חברי הוועד וואס געבן זיך אפ מיט אזא געטריישאפט צו שאפן און צו זארגן פאר אלע געברויכן פון שטעטל, זאל עס זיין די עירוב, שאטל, מוסדות, בתי מדרשים און אזוי ווייטער.

אזוי אויך קומט זיך א הכרת הטוב פאר די געטרייע משגיחים וואס געבן אוועק פון זייער טייערע צייט יעדן ערב שבת קודש, אן קיין פאמפע און אן קיין פרסום, און טוען זייער ארבעט בנאמנות פאר אויבערשטן, כדי אידן זאלן קענען היטן שבת כהלכה, מיט א כשרע עירוב.

ואחרון חביב טוען מיר באדאנקן דעם חשובן נדבן האברך אברהם שבתי מזרחי הי"ו חבר הנהלה, וואס האט אפגעקויפט דעם געוואלדיגן זכות פון קויפן דעם נייעם טראק פארן עירוב. זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט נחת פון די קינדער, ער זאל מצליח זיין אין אלע זיינע געשעפטן בגשמיות וברוחניות.

**שמחים לשמרו ולערב עירובו**

# היכל הקודש נייעס

קרית יואל

## חסידי ברסלב לאזן א טרער אויפן פרישן קבר פון הרה"ח ר' יחזקאל פריעדמאן ז"ל


חסדי השם כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו
קען נישט שלינגן אבער ברודהשם האב פייפ וואס פירט די עסן
קען נישט אטעמן אבער ברודהשם האב מאשין וואס העלפט אטעמן
קען נישט גיין ברודהשם האב בענקעל וואס מען טראגט מיך קען נישט
רירען די הענט האב ברודהשם געטרייע העלפערס
קען נישט רעדען האב ב"ה א כלי וואס דורך שאקלן מיט קאפ שרייבן
קען ארויס געבן די לחות פין מויל האב ב"ה א מאשין צינעמן ארויס
קען נישט ארויס היסן די לחות פין לינג האב ב"ה אמאשין צי העלפן
אלעס וואס דער אייבישטר טיט איז באשטימט גיט אין א טובה

אין די טעג איז נסתלק געווארן אין קרית יואל, הרה"ח ר' יחזקאל פריעדמאן זכרונו לברכה, ר' יחזקאל האט מיטגעמאכט אין די לעצטע פופצן יאר יסורים נוראים למעלה מהשגתינו, ער האט געליטן אויף א שווערע מחלה וואס האט אים איבערגעלאזט פאראליזירט אויפן גאנצן קערפער, ער איז געווען אין א מצב וואס ער האט גארנישט געקענט טון.

פון די אנדערע זייט האט אים דער קאפ געארבעט, ער האט געקענט הערן, און זען. מיט די הילף פון טעכנאלאגישע מאשינען האט ער געקענט "שרייבן" מיט די אויגן, וועו ער האט עפעס געוואלט זאגן פאר איינעם האט ער געקענט קוקן אויף א סקרין און אזוי "אפטייפן" וואס ער האט געוואלט, און דערנאך עס ארויספרינטן.

הרב ר' יחזקאל ז"ל איז געווען א מוסטער פון קבלת יסורים באהבה, און טראץ זיינע פילע יסורים און באגרעניצונגען האט ער זיך געשטארקט מיט די אמונה, און איז אלץ געווען פריילך און געדאנקט דעם אויבערשטן פאר דאס וואס ער האט נאך יא.

די מלמדים פון תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל פלעגן כסדר קומען מיט די קינדער אים מבקר חולה זיין, ר' יחזקאל ז"ל פלעגט זיך זייער שטארק פרייען, און זיי אלץ אויפגענומען זייער ווארעם, די קינדער פלעגן ארויסגיין פון אזא באזוך מיט גאר אסאך חיזוק, ווען ר' יחזקאל פלעגט זיי אלץ שרייבן גאר שטארקע אמונה ווערטער.

ער פלעגט זיך אלץ נאכפרעגן אויף די קינדער וואס זיי טוען, און פלעגט זייער הנאה האבן צו שמועסן מיט די ברסלב'ע קינדער ביי וועם אמונה איז א חלק פון זייער לעבן. אט דא אויפן קעפל איז אן אריגינעלע בריוו וואס הרב ר' יחזקאל ז"ל האט געשריבן פאר די קינדער פון די ברסלב'ע חדר אין קרית יואל א צייט צוריק.

דער הארציגער בריוו לייענט זיך (בערך) ווי פאלגענד, מיר וועלן צולייגן די ווערטער וואס פעלט צומאל, צוליב וואס יעדע ווארט איז אים אנגעקומען זייער שווער צו שרייבן, פלעגט ער שרייבן זייער קורץ.

**"חסדי השם כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו,**

**(איך) קען נישט שלינגען, אבער ברוך השם (איך) האב א פייפ וואס פירט די עסן.**

**(איך) קען נישט אטעמען, אבער ברוך השם (איך) האב (א) מאשין וואס העלפט (מיך) אטעמען.**

**(איך) קען נישט גיין, (אבער איך) האב (א) בענקל (מיט) וואס מען טראגט מיך.**

**(איך) קען נישט רירן די הענט, (אבער איך) האב ברוך השם געטרייע העלפערס.**

**(איך) קען נישט רעדן, (אבער איך) האב ברוך השם א כלי וואס דורך שאקלען מיט (די) קאפ (קען איך) שרייבן.**

**(איך) קען נישט ארויס געבן די לחות פון מויל, האב (איך) ברוך השם א מאשין (עס) צו נעמען ארויס.**

**(איך) קען נישט ארויס הוסטן די לחות פון לונג, האב (איך) ברוך השם א מאשין צו העלפן.**

**אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז באשטימט גוט, און (איז) א טובה."**

די בריוו און די באזוכן האבן איבערגעלאזט אויף די קינדער א גרויסן השפעה, ווען זיי האבן אנגעהויבן צו זען וואס מיינט דאס דאנקען דעם אויבערשטן, ווען מען זעט א איד דאנקט דעם אויבערשטן אז ער האט א פייפ וואס פירט די עסן צו די לונגען, ער דאנקט דעם באשעפער אז ער האט א מאשין וואס העלפט אים אטעמען, ער איז פריילך אז ער האט א בענקל מיט העלפערס וואס העלפן און טראגן אים, און אזוי ווייטער, האט עס דערמאנט אלעמען צו דאנקען דעם אויבערשטן אז מען קען עסן, גיין, רעדן און אזוי ווייטער.

# וויאזוי ארבעט תשובה?



משה אורי׳ שניטצלער

ווען איך האב געלערנט אין פלעטבוש, נעבן קינגס הייוועי און אושען עוועניו, איז די ישיבה געגאנגען זומער אין צוקערס האטעל.

ביז דעמאלטס האב איך נאר געוואוסט פון נעפּענעק און דערילענד, אזוי ווי טויזנטער טויזנטער קינדער וואס זענען אויפגעוואקסן אונטער'ן פארטוך פון הרה"ח ר' יודל ראזנבערג ז"ל.

"ר' יודל" איז געווען א מוסטער פון א תלמיד פון רבי'ן. א מוסטער פון א געטרייישאפט. א מוסטער פון גארנישט פאר זיך, נאר העלפן דעם צדיק אהערשטעלן די קומענדיגע דורות.

כ'האב אמאל געהערט א דרשה פון הרה"ג אב"ד קהל יראים וואודרידזש שליט"א, ער האט גערעדט פון תמימות, פון אמונת צדיקים, פון אמאליגע צדיקים און זייערע געטרייע תלמידים, האט ער געזאגט א ווערטל מ'זאגט אז נאפאלעאן האט געהאט אזא זאך אז זיינע סאלדאטן זענען געווען געטריי ביז צום טויט, און די ווערטל גייט אז אויב ער האט געוואלט אורטיילן א סאלדאט צו טויט שטראף, האט ער נישט געדארפט שיסן א קויל, ער האט בלויז געזאגט "שטארב" און דער סאלדאט האט פארמאכט זיין נאז און מויל און אפגעשטעלט זיין אטעם.

(מוהרא"ש רעדט אויך אין שיחות מוהרא"ש פון די געטרייישאפט פון נאפאלעאן'ס סאלדאטן, מוהרא"ש איז מסביר אז די וועג פון נאפאלעאן איז געווען אז ער האט איינגעפירט צו מיטנעמען כלי זמר אויפ'ן פראנט און מארשירן אויף א מוזיקאלישע מארש און דאס האט געברענגט די אויסטערלישע הצלחה פאר נאפאלעאן, מוהרא"ש ברענגט דארט ארויס די נקודה אז מוזיק און שמחה ברענגט הצלחה באופן שלמעלה מן המשוער)

ווען איך בין מסביר פאר מיינע קינדער די געטרייישאפט פון ר' יודל צום רבי'ן נוץ איך דעם משל פון נאפאלעאן'ס סאלדאטן, געטריי ביז צום לעצטן אטעם.

ר' יודל האט נישט געמאכט א קעמפ ווייל ער איז א איד וואס מאכט קעמפס, ער האט געמאכט די קעמפ ווייל ער האט געטון יעדע זאך וואס ער קען העלפן רבינו הקדוש.

עס איז באוואוסט אז די ריזיגע סאטמארע אימפעריע אין אמעריקע האט זיך אנגעהויבן אין שטוב פון ר' יודל, מ'האט גענומען צוויי דריי קינדער און געלערנט ביי ר' יודל אין שטוב, די "חדר" איז געווען אין קאך.

די ארעמקייט דעמאלטס איז געווען אזוי גרויס אז ר' יודל האט זיך אפגערעדט פאר'ן רבי'ן אז ער ווייסט נישט וואס צו טון ווייל ער האט נישט קיין גמרא (כ'מיין מסכתא ביצה האט מען אנגעהויבן), האט דער רבי געזאגט, ס'איז נישט קיין פראבלעם, איך געב דיר מיין גמרא, וועסט אריבערקומען צו מיר אין שטוב. געט א קוק וויפל תלמידים איז שוין ארויס פון ר' יודל'ס חדר אין זיינע פיצעלע דירה. אז מ'פאלגט א צדיק זעט מען שפעטער נחת אן א שיעור. ס'לוינט

זיך די הארעוואניע. די ארעמקייט איז אדורך, די מעשים טובים איז געבליבן.

איך בין געווען גאנץ יונג ווען איך האב אנגעהויבן צו גיין אין קעמפ. דעמאלטס האט מען אנגעהויבן קעמפ אביסל יונגער ווי היינט. איך האב געלערנט יענע יאר ביי הר"ר זאב נפתלי ראזמאן ז"ל. ער איז נישט געקומען אין קעמפ, אין קעמפ איז געווען א אנדערע מלמד.

ר' זאב נפתלי איז געווען מיין ערשטע גמרא מלמד, מ'האט געלערנט מסכתא ביצה, פרק שני. ער האט אונז פארגעלערנט די ערשטע משנה, בית שמאי זאגט אזוי און בית הלל זאגן אזוי. די גאנצע קלאס האט געגעבן ספאנטאן א פרעג, ווער איז גערעכט? האט ער אונז זייער שיין מסביר געווען אז אין די תורה פרעגט מען "ווי ווען איז די הלכה", מ'פרעגט נישט ווער איז "גערעכט". איך געדענק ביז יעצט ווי שיין און קלאר ער האט עס אראפגעלייגט פאר אונז קליינע קינדער. ווען ס'קומט צו צדיקים איז יעדער צדיק גערעכט, נאר איך דארף וויסן וואס די תורה הייסט "מיר" טון.

עס איז א גרויס רחמנות אויף מענטשן וואס דארפן וויסן ווער איז



## גערעכט?

וועלכע וועג איז גערעכט? וועלכע איז עכט? וואו איז דער אמת? וועלכע חסידות איז די עכטע חסידות?

מוהרא"ש פלעגט זאגן וואו איז דער אמת? אמת איז די ראשי תיבות "אהי' מת". מ'בלייבט נישט דא. מ'מוז מיטנעמען א לאנטש בעג, מ'מוז מיטנעמען צידה לדרך.

ווי לאנג די שטודירסט נעבעך דעם אמת, ענדערש זאג א פרק משניות וועסטו האבן נורישמענט אויפ'ן עולם האמת, אויפ'ן עולם שכולו טוב.

איך בין געווען אין קעמפ אלס כתה ד' אינגל, כ'ווייס נישט צו מ'גייט היינט אזוי יונג. עס ליגט מיר נאך גוט אין זכרון די בארג ארויף. איך ווייס נישט ווי אזוי אבער מיין באקס איז אנגעקומען אויבן.

למעשה, תשנ"א איז געווען מיין ערשטע זומער ארויס פון נעפענעק/דעירילענד. (פריער אלס קליין קינד זעמיר אלץ געווען אין לפידות).

אונזער ישיבה דעמאלטס האט ארויסגענומען צימערן אין צוקערס האטעל, אויפ'ן "גלען ווילד ראוד" די ראוד פון עקסיט 109 צו וואודריטש.

ס'איז דא א בילד ווי הרה"ג ר' משה פיינשטיין זצ"ל פארברענגט זומער אין דעם האטעל (זעט ביים קעפל פונעם ארטיקל).



## בית המדרש אנשי גלען וויילד




אונזער ישיבה האט געלערנט אין די אלטע שול "אנשי גלען ווייילד", ס'איז נאך געווען דעמאלטס עטליכע מענטשן וואס זענען געווען פון די ארגינעלע אנשי גלען ווייילד. די שול שטייט נאך, אויף די ראוד פון עקסיט 109 צו וואדריטש (גלען ווייילד ראוד).

תשנ"ב, תשנ"ג, תשנ"ד, תשנ"ה איז מיין ישיבה געווען אין מחנה קייץ, און אין "לו ענן" אין וואדריטש און ביי הר"ר רפאל גאנץ ע"ה - ביי די פאר (פיר) קארנערס, נעבן וואו ס'איז געווען אמאל "קעטסקיל פאנלענד".

(מו"ה מרדכי ווערדיגער הי"ו האט געהאט א קאנצערט אין קעטסקיל פאנלענד מוצאי שבת נחמו, אונז לעבעדיגע בחורים האמיר אפגעמאכט מ'מוז מיר זיך ארייינזען פון א אונטער-טיר פאר יעדן פרייז, מ'האמיר פרובירט פון יעדן זייט, אבער ס'גייט נישט, נאך אלע פרואוון, האט אונז איינער געעפנט א אונטער טיר. צען מינוט דערויף האט מען געזונגען לשנה הבאה בירושלים..... די קאנצערט איז געשלאסן....... מיר זענען געווען קינדעריש און נישט געכאפט אז ס'איז אדורך דריי שעה..... מיר האבן גארנישט געוואונען..... א לעסן אין לייף...... אז דו קריגסט דיך, זאל כאטש בלייבן עפעס ביי דיר אין די האנט..... זיי נישט אויסגעשפילט פון ביידע זייטן.... אז דו הייסט שוין א ברסלב'ער, זאג כאטש א פרק משניות)

פון תשנ"ח ביז תשס"ד זעמיר געווען אין סוואן לעיק (אויסער תשנ"ט זענען מיר געבליבן אין שטאט). פריער בין איך קיינמאל אין לעבן נישט געווען אין די גאנצע געגנט פון סוואן לעיק. אין מיין קאפ האט זיך די קעטסקילס געענדיגט נאך דעריילענד.

איינמאל בין איך געווען דארט אין סוואן לעיק ביי די שלש סעודות פון כ"ק אדמו"ר מ'בורשטין שליט"א. כ'האב געהערט א שלש סעודות תורה, אזוינס און אזעלעכס! ס'איז צוגאנגען אין די ביינער!

ער האט געפרעגט די סתירה וואס אסאך ספרים פרעגן, אין פרשת חוקת, קודם זאגט רש"י אז פרה אדומה איז א חוק, מ'קען עס נישט פארשטיין. נאכדעם זאגט ער תבא אמו ותקנח צואת בנה. קומט דאך אויס אז ס'האט יא א הסבר, ס'איז נישט קיין חוק.

האט דער בורשטינער רבי געזאגט דאס אליין אז תבא אמו ותקנח צואת בנה, דאס איז א חוק, תשובה איז א זאך וואס איז קעגן שכל. אויבן ביי די פמליא של מעלה איז דא א גרויסע קטרוג קעגן תשובה. אבער דער אויבערשטער שטעלט זיך אויף די זייט פון דעם צובראכענעם איד וואס זאגט ער וויל זיין גוט. דער אויבערשטער נעמט אים אן, אפילו אין דעם מענטשליכן נידעריגן שכל שטומט עס נישט.

והדין נותנת, אז א מענטש האט חס ושלום גע'הרג'ט א צווייטן און ער קומט זאגן ער טוט תשובה, אבער יענער ווערט דאך נישט צוריק לעבעדיג, נו ווי אזוי קען העלפן תשובה?

אבער אזוי ווי דער אייבערשטער האט גוזר געווען די אנדערע תרי"ג מצוות, האט ער אויך גוזר געווען די מצוה פון תשובה. ס'שטייט בכלל נישט אין הלכות תשובה אז דער

מענטשליכער נארישער שכל דארף עס קענעם פארשטיין.

אין יענע יארן פלעג איך לערנען אן א שיעור אשר בנחל. שבת נאכמיטאג פלעג איך דאס לערנען אפאר שעה אין א צי. כ'האב געפילט ווי דער ספר האט א לעזונג פאר יעדע זאך אין די וועלט.

נאך מיין חתונה האט מיר א חבר געזאגט אזוי: די תקופה פון גלייך נאך די חתונה, איז זייער א וואקלדיגע, מ'קען זיך טרעפן גאלופירן אין צען אנדערע דיירעקשנס. א מענטש קען זיך נישט פירן אליינס, מ'מוז האבן א וועג ווייזער, נעם דעם ספר אשר בנחל פאר דיין וועג אין לעבן, פאק דיך אן מיט אשר בנחל, לייג אריין אין דיר ווי מער, דאס זאל זיין דיין עיקר לימוד. א ביסל משניות און גמרא, מעביר סדרה זיין, און "אסאך אסאך אסאך" אשר בנחל!

שכח אייבערשטער פאר די גרויסע נס אז איך האב געלערנט אשר בנחל מיט גרויס התמדה.

יעדע מאל איך דערמאן זיך די נס פיל איך זיך נאכאמאל שולדיג, איך האב א גרויסן חוב פאר די נס, פאר דעם מוז איך העלפן פארשפרייטן דעם רבי'ס וועג. זאל נאך א איד פילן די תענוג פון זאגן גמרא און משניות, זאל נאך א איד וויסן אז אויב מ'רעדט שיין אינדערהיים, האט מען א אנדערע מח, א פרייליכע מח, א רואיגע מח. אויב מ'רעדט שיין אינדערהיים זוכט מען זיך נישט קיין וואכנאכט'ס און תנאים'ס צו אנטלויפן פון שטוב.




אסאך אינגעלייט וויסן נישט דעם סוד אז א פרוי קומט נאטורליך מיט די אינסטינקטיוו געפיל פון וועלן זיין געטריי צו איר מאן.

פארדעם טוישט זי איר לעצטע נאמען. פון ווען ער זאגט איר הרי את מקודשת לי, טוישט זי איר נאמען. זי איז זיך מבטל פאר איר מאן בביטול גמור, דאס איז די אינסטינקט פון א פרוי, נאר יעדעס מאל וואס דער צדיק'ל דינן פארלאנגט אז "ס'קומט" אים עפעס, אדער ער איז מסביר אז עפעס "מוז" זיין ווי ער וויל, ווערט פארדארבן איר געפיל פון געטריישאפט. און ער דערלייגט יעדע מאל מער און מער, אבער ער האט עס אליין גורם געווען.

און אודאי חס ושלום אויב ער רעדט צו איר ביליג, ווי מ'רעדט צו א קליינע גולם'ל, וועט ער אליין עסן זיין קאשע, זי וועט טאקע ווערן א גולם'ל, נאר זי וועט האבן אזויפיל שכל צו נישט וועלן טון זיין פארלאנגען.

א יונגערמאן וואס הייבט אן זיין לעבן אז ס'קומט אים גארנישט, נאר ער זאגט פאר זיין ווייב שיינערהייט וואו ער האט ליב צו זיין שבת, און וועלכע קאמפאני טונא ער האט ליב, און וועלכע קאליר עפל ער האט ליב, אבער ס'מוז נישט זיין זיינע עפל און זיין טונא, ער וועט האבן א זיסע לעכטיגע לעבן.

אבער ס'איז נישט צו שפעט, מ'קען אנהייבן פון יעצט, מ'קען צוריקדרייען דעם זייגער, אפילו ס'שטימט נישט. תשובה איז נישט לאגיש, דער אייבערשטער האט גוזר געווען אז מ'קען תשובה טון "יעצט".



# "מעשיות פון תפילה"

### שלמה טעסלער - בית שמש:

**א)** איך זיך שוין א לאנגע צייט א נייע דירה אין שטאט בית שמש. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פאסיגע דירה.

פארגאנגענעם מוצאי שבת האב איך געזען עס איז דא א גוטע דירה פאר א גוטע פרייז. איך האב אנגערופן דעם מענטש, זאגט ער מיר עס איז דא איינער וואס וויל האבן די דירה פאר מיר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אויב איז די דירה באשערט פאר מיר זאל עס אנקומען צו מיר גרינגערהייט אן קיין שוועריקייטן. אויך האב איך צוגעזאגט עס צו מפרסם זיין אינעם קרית ברסלב בלעטל.

דעם קומענדיגן טאג רופט מיר דער בראקער אז צום סוף דארף יענער נישט די דירה, און איך קען עס יא האבן.

**ב)** איך האב געדארפט פארדינגען מיין אלטע דירה, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל גיין שנעל און גריג. שכח אייבערשטער נאך יענע נאכט איז מיין דירה שוין געווען פארדינגען.

### זלמן ויזל - ירושלים:

איך האב געהאט גע'חזר'ט פארן טעסט אבער דא אין ארץ ישראל זענען זיי זייער שטרענג און פאדערן צו קענען גאר גוט, איך האב עס נישט געוואלט דארפן איבעמאכן נאכאמאל.

נאך אסאך תפילות און מעשים טובים, און אויך נאכן צוזאגן עס ארייננצולייגן אינעם קרית ברסלב בלעטל בין איך געגאַנגען מאכן די טעסט. שכח אייבערשטער אז ביים ערשטן מאל בין איך אריבער דעם טעסט....

### אשר לעמל זוסמאן - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט קויפן נייע רעדלעך פאר די קאר נאכדעם וואס די אלטע איז שוין געווען אפגעריבן, איך האב נישט געוויסט וועלכע סארט צו קויפן, אויך האב איך נישט געהאט די געלט עס צו קויפן, איך האב נישט געוואלט ניצן קרעדיט קארד, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס נישט צו לעבן אויף קרעדיט קארד ווען מען ווייסט נישט וויאזוי מען גייט עס באצאלן צום סוף.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וועלכע צו קויפן און אויך אז איך זאל האבן דאס געלט. שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן די ריכטיגע רעדער צו קויפן וואס איז צוגעשטימט פאר מיין קאר, און איך האב ברוך השם באקומען געלט אויף עפעס א וועג, אזוי אז איך האב עס געקענט ארויפלייגן באצייטענס.

ממש נאכן ארויפלייגן איז אריין א נאגל אינעם רעדל, מען האט עס נישט געקענט פאררעכטן. זיי האבן מיר געזאגט אז איך דארף קויפן א נייע. וואס טוט מען דא? איך דארף יעצט קויפן א נייע רעדל און האבן די געלט פאר דעם. איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע רעדל. למעשה האב איך אנגעקלונגען די קאמפאני און זיי זאגן מיר אז עס האט א וואראנטי און זיי גייען מיר שיקן א נייע רעדל.

### שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל קאנאדא:

איך האב איינגעשריבן מיין קינד אין א פלעי גרופ. דא ארבעט עס אז די גאווערמענט צאלט אכציג פראצענט. למעשה די ערשטע דריי חדשים האט די גאווערמענט נאכנישט געהאט געצאלט, זיי האבן געזאגט אז זיי גייען עס געבן ביי טעקס רעטורן. למעשה האט מיר די פלעי' גרופ געזאגט אז ביז JUNE 15 דארף עס זיין באצאלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט פאר די פלעי' גרופ. איך האב געפיילט טעקס רעטורן, זיי האבן מיר געזאגט אז די געלט גייט לכאורה אנקומען נאך JUNE 15, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט אין צייט.

און יא די געלט איז אנגעקומען אין 15 JUNE אזוי אז איך האב אים געקענט צאלן אין צייט.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַּארֶעכְטְן; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זוּמְפּ וואוּ מֶען אִיז נָאר פַּארְזִינְקֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען אָדֶער מֶען הָאט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים זָאל מֶען גוֹרֵס זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל זָאגְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, **נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן גוֹרֵס זַיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק;** אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נָאכְדֶעם וָואס דַיין מֹחַ אִיז דִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיינֶעם, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן לַאכְן פוּן דִיר פוּן דֶעם וָואס דוּ דַאוֶונְסְט מִשְׁנָיוֹת, דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר אַלֵיינְס וֶועט דִיר גוּט זַיין.

**וואוּ גֵייסְטוּ בַּיינַאכְט? וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?!** דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר אוּן זֶעט וָואס דוּ טוּסְט? דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ כג, כד): "**אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'**" ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "**הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל; אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת אָדֶער זִיצְן פַּארְשְׁקְלַאפְּט קוּקְנְדִיג מָאוִוי"ס, נֶעם עֶנְדֶערְשׁ אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ, עֶס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן אוּן דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַנְשְׁטָאט גֵיין בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער רַחְמָנָא לִצְלָן בְּלַייבּ עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּבּ, **עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז דִי ווַייבּ אִיז אִין קָאנְטְרִי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן בְּהֶפְקֵרוּת.**

אִיךְ וֵויין אוּן אִיךְ בִּין בְּצַעַר פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת; אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה אוּן זִיכֶער אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף דַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע ווַייבּ. פָּאלְג מִיר, לָאז אָפּ דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג; **אָדֶער קוּם אַרוֹיס צוּ דַיין ווַייבּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג אִין קָאנְטְרִי אָדֶער גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען,** אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ צִיטֶער פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שד): "**אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן**", אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

נָאכְאַמָאל, נֶעם יֶעצְט אַ מִשְׁנָיוֹת; **לֵייג אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן,** לֶעשׁ דָאס אוֹיס אוּן וַואשׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## זיך היטן די אויגן

## חלק ב'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** עס קומט זוממער און די גאסן ווערן שרעקליך. מען קען ממש נישט גיין אין גאס, די גוים גייען אנגעטון ווי די חיות, בעסער געזאגט אויסגעטון ווי די חיות און עס איז זייער שווער צו היטן די אויגן. דער יצר הרע מאכט משוגע דעם מענטש מען זאל קוקן וואו עס גליסט זיך, ביז ער קילט נאכדעם אפ דעם מענטש פון זיין אידישקייט.

אבער ווי גרויס און שווער דער יצר הרע איז, אלץ גרעסער זענען די הייליגע צדיקים וואס געבן אונז עצות לוחם צו זיין מיטן יצר הרע. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לו): ווען עס ברענט אינעם מענטש תאות ניאוף רחמנא לצלן, זאל מען זאגן דעם פסוק: "**שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד**", און: "**בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד**"; ווייל מען קען נישט ניצול ווערן פון די תאוה נאר דורך אמונה, אז מען נעמט אריין אין זיך אז דער אייבערשטער איז דא, ער איז מיט מיר, ביי מיר און נעבן מיר, נאר אזוי קען מען זיך ראטעווען פון די שרעקליכע תאוה. דער רבי זאגט (שם): אויב מען איז זייער פארזינקען אין די תאוה זאל מען וויינען בשעת מען זאגט די צוויי פסוקים און דאס וועט ראטעווען דעם מענטש פון זיין בלאטע; ווייל ווי נאר מען נעמט אריין אין זיך אז דער אייבערשטער איז דא, דאס ראטעוועט דעם מענטש פון עבירות.

נאך אן עצה געבט אונז דער הייליגער רבי, דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, חלק ב', סימן ט): "**כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת**", אויב מען האט מורא אז מען וועט נכשל ווערן ווען מען גייט אין גאס מיט ראיות אסורות זאל מען זאגן פאר מען גייט ארויס פון שטוב דעם פסוק (ישעיהו לג, ז): "**הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן**", דורך דעם וועט ער געראטעוועט ווערן; אזוי פירן זיך ברסלב'ער חסידים, ווען זיי גייען ארויס פון שטוב, בשעת מען קישט די מזוזה און מען האלט די האנט אויפן מזוזה זאגט מען דעם פסוק: "**הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן**", און מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל צוריק קומען געזונטערהייט.



# א מעשה
## פון א צדיק

### וואונדער אין רַבִּינְ'ס זַאךְ

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תרע"ה מִיט אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי מֹשֶׁה גְלִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִיהְם גֶערוּפְן רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוּבֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג פוּן מִקְוָה הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט מִיט דִי װֶוערְטֶער, "הֶער מִיר אוֹיס וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן; **פוּפְצִיג יָאר פוּן יֶעצְט וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן עֶר וֶועט מַאכְן נַייֶעס אוּן וואוּנְדֶער אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט**".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוּבֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי אַהֲרֹן גְלִידְמַאן זַ"ל, רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוּבֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן גַאנְץ יוּנְג, אוּן רֶבִּי אַהֲרֹן זַיין זוּהְן אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע, עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט דָא צוּ זַיין אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט, דֶערְוַוייל אִיז עֶר שׁוֹין דָא גֶעבְּלִיבְּן אַלֶע יָארְן.


ציון רבי אברהם בן רבי נחמן ז"ל אין אומאן

וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים שְׁנַת תשכ"ה אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס פַארְפְלֵייצְט אִין אַלֶע גֶעגְנְטְ'ן פוּן נוּא יָארְק אוֹיף גָאר בִּילִיג אַלֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, מִיט נָאךְ סְפָרִים וִוי הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּרוּטָה פַאר דִי נְשָׁמָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרִיקְט אוּן צוּשְׁפְּרֵייט אִין אַלֶע פְרוּמֶע גֶעגְנְטְן, אוּן עֶס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאס צוּשְׁפְּרֵייט פַאר גָאר בִּילִיג.

אַ "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" מִיט דְרֵיי פֵּירוּשִׁים "פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה", "בְּאִבֵּי הַנַּחַל", אוּן "מֵי הַנַּחַל", פַאר אַ דָאלְלֶער פוּפְצִיג.

אַ "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" פַאר אַ דָאלְלֶער, אַ "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" פַאר אַ קְוָואדֶער, אוּן "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" אוּן "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ" מִיט "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" הָאבּ אִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר צֶען סֶענְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט. מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דִי אַלֶע סְפָרִים צוּזַאמֶען פוּנְף אוּן אַכְצִיג טוֹיזֶענְט, אוּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶס אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ רֶבִּי אַהֲרֹן גְלִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶר הָאט מִיר פַארְצֵיילְט דָאס וָואס דֶער פָאטֶער רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוּבֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם'ן שְׁנַת תרע"ה אִין אוּמַאן. אוּן עֶר זָאגְט מִיר אִיךְ זֶע אִיר הָאט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת, וִויל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין. עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה, אוּן לָאזְט אוֹיס, זֶעט אוֹיס דָאס אִיר זֶענְט דֶער אִינְגֶערְמַאן, שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת.

עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער.

(אשר בנחל חלק ה' מכתב תקצ"ב)





# דעם הייליגן רביִנ׳ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ל"ח -

**פאַרזעצונג פון פריער:** דער רֶבִּי האט גֶעוואוינְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין אוסְיַאטִין.
אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעפָארְן עֶרְגֶעץ וואו, און די נֵייעֶ שְׁוִויגֶער הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם שְׁטִיבְּל פַּאר זִיךְ, הָאט זִי דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְטְן אִיר בֶּעט. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען און גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיין הֵיילִיג וִוינְקְל וואו עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּקְבִיעוּת פַּאר אַזוֹיפִיל יָארְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוינֶען דָארְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם דָארְף אוסְיַאטִין, און זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, וואו עֶר הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט.

* * *

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, נֶעבְּן דֶעם דָארְף אוסְיַאטִין וואו זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעוואוינְט, און זַיין הֵיילִיג נָאמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל בַּאקַאנְט פַּאר די אִידְן אִין די אוּמְגֶעגְנְט, הָאבְּן זִיךְ דַאן צוּזַאמְגֶענוּמֶען די אַיינְוואוינֶער פוּן די אַרוּמִיגֶע דֶערְפֶער צוּ גֶעבְּן מַעֲמָדוֹת פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, מְ'הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן אַ רֶענְדְל יֶעדֶע וָואךְ.

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן זֵייעֶר רוּאִיג דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און דָארְט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ פִּילֶע אִידְן, יֶעדְן טָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ פְרִישֶׁע מֶענְטְשְׁן פוּן די אוּמְגֶעגְנְט, בִּיז מְ'הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּ אִים אוֹיךְ פוּן וַוייטֶערֶע פְּלֶעצֶער, פוּן בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג פַּרְסָאוֹת וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.



וֶוער עֶס אִיז נָאר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעפִילְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, און זֵיי דֶערְנֶעעֶנְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגְן פַאַרְנֶעם.

אִין יֶענֶעם יָאר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן די דְרִיטֶע טָאכְטֶער, און עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן מִרְיָם, [טֵייל זָאגְן אַז דֶער נָאמֶען הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן נָאךְ זַיין שְׁוִויגֶער].

### שְׁנַת תקנ"ב

אִין יָאר תקנ"ב אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, און וואוינֶענְדִיג דַאן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע פְלֶעגְט עֶר כְּסֵדֶר אַלְץ אַרוֹיסְגֵיין אִין די פֶעלְדֶער און וֶועלְדֶער אַרוּם די שְׁטָאט, זִיךְ דָארְטְן מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין און רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צֶען קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז גֶעוֶוען די שְׁטָאט דַאשִׁיב. דָארְט הָאט גֶעוואוינְט אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יוּדְל זַ"ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זַ"ל, און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק ר' לֵייבּ פוּן טְרַאסְטִינִיעֶץ זַ"ל.

דֶער ר' לֵייבּ זַ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן די תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, און עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן יַם זַייעֶנְדִיג אוֹיף אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "וֶוען מַיין אֵיידֶעם ר' יוּדְל וָואלְט דָא גֶעוֶוען מִיט מִיר, וָואלְט עֶר נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אִיךְ זָאל דָא נִפְטָר וֶוערְן".

אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף, אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חַיָה וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ פוּן וַואסֶער און אִיז גֶעקוּמֶען קֶעגְן דֶעם שִׁיף, די מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אָדֶער שֶׁעדִיגְן די שִׁיף, און דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' לֵייבּ זַ"ל זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טַלִית וּתְפִלִּין און אִיז אַזוֹי קֶעגְן גֶעגַאנְגֶען די חַיָה אוֹיפְ'ן דֶעק פוּן שִׁיף, און די חַיָה אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּרִיק אַרַיין אִין וַואסֶער און אִיז פַארְשְׁווּנְדְן גֶעוָוארְן.

גְלַייךְ פַּאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן זָאל מֶען אִים לֵייגְן אוֹיף אַ בְּרֶעט אוֹיפְ'ן וַואסֶער, און אִים לָאזְן דָארְט אַלֵיין שְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן יַם. און אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין שטעטל, זונטאג מטות מסעי (July 9th) פאר קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע orthopedic wear

זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00

די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די ווינטער.



## Garden Suites

הערליכע פינף נייע Suites שטייט גרייט צו פארדינגען פאר אלע צייטן פון די יאר, פאר קורצע אדער לענגערע צייט.

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
646-565-0966



שיינע פריוואטע 1 בעדרום דירה אויף האשקי צו פארדינגען פאר א שבת, אדער פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

## דירות אין שטעטל פאר זומער

איין בעדרום דירה און צוויי בעדרום דירה אויף האשקי שטייט גרייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער, און אויך פאר שבתים.

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
845-774-5616 #104

## דירה אין שטעטל פאר זומער

הערליכע פיר בעדרום דירה שטייט גרייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
917-501-5100

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יצחק אייזיק ראטה – 347–668–6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845–492–0566
ראובן בירנבוים – 347–549–5625
גרעסערע דירה – 845–637–5367

מיט א טיפערן בליק

# שוואכע?

ישראל דוד העסקעל

**שלום** עליכם איך הייס ישראלי העסקעל, איך בין א ברסלב'ער, און איך שרייב אין א ברסלב'ע אויסגאבע.

"קודם כל זאלסטו זיך נישט שעמען אז דו ביסט א ברסלב'ער" - זאגט מיר דער חשוב'ער רב, איינער פון די גרעסטע מגידים - דארט ביי די חתונה וואו איך האב אים געטראפן.

שכח אייבערשטער אז איך האב זיך קיינמאל נישט געשעמט מיט'ן רבי'ן און מיט ברסלב.

"למעשה" - זאג איך פארן רב - "שרייב איך אן ארטיקל אין די ברסלב'ע אויסגאבע און פונקט לעצטע וואך האב איך געשריבן א שיינע משל וואס איך האב נאכגעהערט פונעם רב אבער דער נמשל האב איך נישט נאכגעהערט".

"וועלכע משל" פרעגט דער רב?

די משל מיט די דריי יואלי'ס וואס זענען געפארן אויף א שבת קיין טשיינע.

איך האב געמאכט אן אייגענע נמשל זאג איך פאר דעם רב, איך האב געמאכט דעם נמשל אויף הפצה אז מענטשן שלעפן זיך דורך א לאנגע שווערע לעבן, ביז ס'קומט א מפיץ און געבט אים דעם רבינ'ס עצות וואס איז




דבר השוה לכל נפש, און טרעפט א וועג וויאזוי ער זאל קענען האבן א זיסע געשמאקע לעבן אויף דער וועלט.

הא הא - אוודאי לאכט דער רב, יא ס'איז פון מיינע גוטע סחורה - זייער א שטארקע משל!

למעשה וויל איך פרעגן דעם רב, וואס איז געווען דער רב'ס אריגינעלע נמשל?

אה, איך האב געזאגט אזוי... די סיבה פארוואס מ'פארגעסט א שליסל קומט פון נישט זיין פריילעך! די דריי יואלי'ס זענען געווען פאר'דאגה'ט ביזן דאך, פארדעם האבן זיי פארגעסן די שליסל... ווואלטן זיי געווען פרייליך און געטראכט פונעם אייבערשטן וואלטן זיי נישט פארגעסן דעם שליסל! א פרייליכער מענטש פארגעסט נישט קיין שליסל!



זייער שטארק!

אויב מעג איך פרעגן - פרעגט מיר דער רב - צו וועלכע כתה אין ברסלב באלאנגט איר?

אין היכל הקודש, ביי דער ראש ישיבה!

אזוווויייי - זאלסטו וויסן דיין ראש ישיבה טוט אויף געוואלדיגע זאכן, איך בין א נאענטער קרוב פאר דער ראש ישיבה, ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן, נישט היינט ווען די גאנצע וועלט הייבט שוין אן איינזען אז אן דעם רבינ'ס חיזוק איז נישט מעגליך אנצוגיין, נאר דעמאלט א גוטע פאר יאר צוריק ווען ס'האט געפלאקערט די מחלוקה אויפן ראש ישיבה, דעמאלט ווען מענטשן האבן געציטערט ארויסצוזאגן דאס ווארט ברסלב... דעמאלט האב איך שוין אנערקענט די געוואלדיגע פעולות פונעם ראש ישיבה און דאס גאר שטארק מחשיב געווען!

איך זאג דיר, איך קען צענדליגע צענדליגע שווערע קעיסעס וואס דער ראש ישיבה האט דארט ממש געראטעוועט ממות לחיים!

איך וויס פערזענליך - זאגט דער רב ווייטער - פון אזויפיל בחורים און משפחות וואס זענען ממש כמעט פארלוירן געגאנגען, איך זאג דיר שווערע שווערע קעיסעס אבער נישט סתם... וואס היינט פירן זיי הערליכע שטובער אלעס א דאנק די מסירת נפש פון דער ראש ישיבה צו העלפן א צווייטן, אפילו - פירט דער רב אויס - רוב מאל האט ער נישט נאר נישט באקומען פאר דעם כבוד, נאר ער האט זיך צוזאמען געליטן געזונטע בזיונות!

איך קען עפעס פרעגן דעם רב?

יא זיכער!

ווען דער רב רעדט פון מענטשן וואס זיי קומען זייער לעבן פארן ראש ישיבה, פון מענטשן וואס דער ראש ישיבה האט זיי ממש געראטעוועט און געגעבן א נייע לעבן... מסתמא טראכט דער רב - קארעקט מי איך איים ראנג - פון עפעס אן אפגעפליקטער בחור, א פארצרה'טער מיטגעמאכטער... א בחור וואס קומט פון א צופליקטע שטוב פון גע'גט'ע עלטערן השם ישמרנו, איינע פון די עלטערן איז נאך אפגעפארן צו אלע צרות אן קיין משפחה קיין איין פרוטה צו די נשמה פארווארפן און פארוואגלט, זיך שוין דורכגעדרייט יעדער מומחה בתורת הנפש... ווער ס'הערט זיין נאמען זאגט גראד אזוי נעבעך לא עלינו... יעעעעעדער האט שוין דארט אויפגעגעבן, ער האט סערטיפיקעטס פון די גרעסטע דאקטוירים וואס זאגן קלאר אז ער פארמאגט אלעעע ע' בי סיס... דער איז לערנינג דיסעיבלד אבער נעקסט לעוועל...

און דא קומט דער אפגעריסענער אפגעשליסענער און קלאפט אריין אין היכל הקודש ברסלב ביים ראש ישיבה און בעט זיך האט רחמנות אויף מיר! יעדער האט שוין אויף מיר אויפגעגעבן רחמנא לצלן!!!

דער ראש ישיבה מיט זיין ווייעך הארץ נעמט אים אריין, נישט פאר כבוד נישט פאר געלט, נאר פשוט ווייל ער וויל העלפן אויפרעכטן נאך א אידישע נשמה. דער ראש ישיבה בויעט אים אויף, ער באקומט אלע זיסע עצות פונעם רבי'ן צו קענען האבן א חיים טובים אין יעדן מצב אויף יעדן פלאץ, ער הייבט אן לערנען די הייליגע תורה מיט די זיסע דרך הלימוד. אזוי צוביסלעך צוביסלעך הייבט זיך אן פאראמען פון דער אויפגעגעבענע אפגעריסענע בחור וואס פארמאגט יעדער תירוץ און דער וועלט צו קענען





ווערן א סערטיפייד אורחה פורחה, שלעפער, נאכגעלאזטער, רחמנות'דיגער, האומלעס פאר לייף - א לייטישער געזונטער בחור מיט מידות טובות א פרייליכער בחור וואס האט שיעורים בכל התורה כולה, יעדער איז אנטציקט!

די אומפארגינער'ס, די ליצים זאגן: מעגע ער איז געווען א געהעריגער נארמאלער בחור, ברסלב האט אים נאר ערגער געמאכט... יעצט גייט ער נישט קענען טרעפן קיין שידוך ווייל ער איז א ברסלב'ער (דא דארף מען לאכן)... אבער די אלע וואס האבן יא מיטגעהאלטן פון דער נאנט קענען זיך נישט גענוג אפוואונדערן פון די כוחות פון א צדיק וואס היילט אויס!

דער רב קוקט אויף מיר און שמייכלט זיך גוט אונטער...

איך זאג ווייטער - נאך אפאר חדשים



טרעפט דער בחור זיין באשערטע שידוך בשעה טובה ומוצלחת און זיי האבן חתונה, א יאר דערויף האבן זיי שוין א קינד אין א מזל'דיגע שעה און מ'האט שוין לאאאנג פארגעסן אז דא איז אמאל געווען א רחמנות...

אלע עסקנים און גוטע אידן - זאג איך פאר דער רב - גייען יעצט ארום זאגן אז דא איז דא א ראש ישיבה וואס האט שוין צענדליגער בחורים און משפחות געראטעוועט! זיי האבן עס אליין מיטגעהאלטן!

וואלט מען אבער געשיקט די קינדער לערנען אין דעם ישיבה? פרעג איך דעם רב!

ניין! דער אמת איז ניין!

פארוואס?! פיר איך אויס פאר אים... ווייל למעשה.... איז עס א פלאץ.... פאר... שוואכע!

לית מן דפליג אז דער ישיבה מוז שטיין און ס'איז א חשובע פלאץ... אבער....

איך וויל אייך פארציילן אינגאנצן א אנדערע מעשה זאג איך פארן רב!

פון מיין מעשה קען איך אויך צענדליגע בחורים, אינגעלייט און משפחות וואס זינגען אויך דעם זעלבן ליד (איינער הויך און איינער אביסל שטילער...) "איך קום מיין לעבן פאר דער ראש ישיבה"!

אבער דא איז די מעשה א טראפקעלע אנדערש...

דער אינגערמאן איז נישט קיין אפגעשליסענער אפגעריסענער, ער קומט גראדע פון א שטוב פון צוויי ערליכע געזונטע נארמאלע עלטערן וואס לעבן שיין צוזאמען... אויך זיין שווער און שוויגער זענען א שיינע חשובע משפחה. דער אינגערמאן האט א געהעריגע נארמאלע קהילה ווי ער באלאנגט, שיין געסעטלט, יעדער קוקט אים ארויף, ער איז פון די "צו גאט און צו לייט" אידן, ער פארמאגט אפילו א שיעור ווי ער פאלט אמאל אריין...

און חברים... ער איז פאפולער יעדער וויל נאר גיין טשילן מיט אים! ווען ער מאכט א שמחה קומט דריי פערטל שטאט בלי גוזמא! פרנסה איז ער אויך מסודר, ער האט א פיינעם דזשאב ער מאכט א לייטישע געהאלט. ער האט שוין אפאר קינדערלעך, ממש פיקטשער פערפעקט!

דער רב קוקט מיך אן מיט אומגעדולדיגער אויגן, נא קום שוין צום פוינט...

פיר איך אויס פארן רב אבער דער פיקטשער פערפעקט אינגערמאן ער האט שוין נישט געעפנט א אידיש ספר באלד א יאר! ער ווייסט אליינס נישט ווען ס'געווען די לעצטע מאל וואס ער האט געדאווענט מנחה מעריב אין שול מיט מנין, תפילין טוט ער אן אין אפיס (ווען ער געדענקט) א מינוט פאר



ס'ווערט נאכט...
השם ישמרנו... ער שמייכלט פון אינדרויסן אבער טיף אין הארץ ווייסט ער אפילו נישט פארוואס ער לעבט...

ער איז א געהעריגער נארמאלער מענטש! אבער פלוצלינג ווי אין א חלום טרעפט ער א גליון, ער הערט א שיעור, א חיזוק יומי, אדער טרעפט א קארטל, א קונטרס און ס'ווערט אים פשוט לעכטיג!

אזויפיל אזעלכע געהעריגע, געסעטלטע, נארמאלע מענטשן זענען דא וואס קומען זייער לעבן פאר דער ראש ישיבה! מיט די זיסע עצות האבן זיי אנגעהויבן האבן א חיים טובים אינדערהיים, ענדשויען זיי צו קענען לויפן אין שול דאווענען, זיך צו קענען טובל'ן פארן באשעפער!

און דער דרך הלימוד! זיי לערנען דורך כל התורה כולה!!!

איך קען ווייטער רעדן און רעדן זאג איך דעם רב, אבער תמצית הדברים: קען איך שוין קוים ווארטן צו קענען אריינלייגן מיינע קינדער אין דער "שוואכע" ישיבה!

דער רב שפרייט אויס א ברייטע שמייכל אויפן פנים און רופט זיך אן: "ביסט הונדערט פראצענט גערעכט."


מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין
הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם
פרנס החודש
מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו
מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו
מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו
וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש
חודש תמוז
די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא
פרנסי השנה
מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו
מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

# ס'בו



ת"ת היכל הקודש
שנת תש"ע

## האט איר שוין גענומען א פעידזש?

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף בלייבן מיר נישט שטיין דא, מיט אייער מסירת נפש וועלן מיר ווייטער קענען בויען דעם הייליגן ווינקעלע היכל הקודש לשם ולתפארת

דער ראש ישיב

מיר האבן
אוועק צו

# אנשי חיל

י"ד - ט"ז מנחם אב

**$1,000,000**

# יעט
# זיך!

## ווייל יעדער נעמט א חלק!

sruliheskel@gmail.com



בה שרייבט אין א בריוו

געקענט בויען די מוסד און די קהילה זיך שיין
שטעלן, מיר האבן נאך אסאך ווייטער צו גיין.

ורוח הקודש אומרת כן ירבה!



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

### יום טוב שבועות - תשפ"ג

**החתן יוסי זינגער נרו יאיר דערציילט:** שכח אייבערשטער איך האב נאכאמאל געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביי דער ראש ישיבה, דאס מאל א יום טוב סעודה, די צווייטע טאג שבועות תשפ"ג אין קרית ברסלב. איך וועל זיך פרובירן צו דערמאנען אפאר קלייניגקייטן, און דאס מיט טיילן פאר אנשי שלומינו .

אין די זעלבע צייט וויל איך בעטן פון אנדערע טייערע חברים אל תמנע טוב מבעליו אויב האט איר די זכי' צו עסן ביים ראש ישיבה ביטע שרייבט דאס אפ און שיקט דאס אריין אינעם קרית ברסלב בלעטל כדי נאך אידן זאלן זיך קענען דערקוויקן און קענען נעמען גוטע עצות וויאזוי צו פירן א שטוב.

אויפן וועג ארויף צו דער ראש ישיבה'ס הויז האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט: "גייסט אריינשיקן די סעודה צום בלעטל? אויב יא קענסטו קומען ביי מיר עסן", איך האב זייער הנאה געהאט צו הערן פונעם ראש ישיבה אז דאס איז א גוטע זאך אפצושרייבן די סעודה.

דער ראש ישיבה'ס זון האט געפרעגט אויב מ'גייט היינט נאכאמאל עסן א מילכיגע סעודה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נישט, האט ער אנגעהויבן צו פארפירן אז ער וויל אזוי שטארק האבן נאך פון די מילכיגע אייסקרים, עס אז מיר געווען אינטערסאנט צו זען ווי אזוי דער ראש ישיבה וועט רעאגירן, אויב מען דארף אויף אזא פאל נאכגעבן. האט

> **גייסט אריינשיקן די סעודה צום בלעטל? אויב יא קענסטו קומען ביי מיר עסן.**

דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער וועט קענען האבן מוצאי יום טוב.

די סעודה האט זיך אנגעהויבן הערליך שיין, מ'האט געמאכט קידוש, זיך געוואשן און אריינגעברענגט די פיש.

דער ראש ישיבה האט צאמגערופן אלע קינדער און געזאגט אז מ'גייט פארציילן א מעשה:

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן פארציילן: "דער הייליגער צדיק ר' יהושע בן לוי האט געהאט א שכן וואס איז געווען א כותי, (דער ראש ישיבה האט מסביר געווען, אז א כותי איז אזוי ווי א פרייער איד, זיי זאגן אז זיי גלייבן נאר אין תורה שבכתב, נישט אין תורה שבעל פה) ער פלעגט זייער פייניגן ר' יהושע בן לוי ווען ער האט נאר געקענט, און ר' יהושע בן לוי האט געוואלט פטור ווערן פון אים, האט ער געטראכט אז ס'שטייט דאך אין גמרא אז צווישן זעקס אזייגער און ניין אזייגער איז דא איין רגע ווען דער אייבערשטער ווערט זייער ברוגז כביכול, און אויב מ'שעלט איינעם אין יענע סעקונדע ווערט ער געשאלטן, און ס'איז דא א סימן ווען די רגע איז, ווען א הינדל הייבט אויף איין פיס און איר קרוין ווערט ווייס, דעמאלט איז די רגע ווען מ'קען שעלטן איינעם און ער ווערט געשאלטן, וועט ער קויפן א הינדל און אין יענעם רגע וועט ער שעלטן זיין כותי'שע שכן, און ער וועט פטור ווערן פון אים.

אזוי האט ער געטון, ער האט זיך

געקויפט א הינדל און געווארט ס'זאל שוין ווערן זעקס אזייגער, למעשה איז ער איינגעשלאפן און ער איז אויפגעשטאנען נאך ניין אזייגער, האט ער געזען אז דער אייבערשטער וויל נישט ער זאל אים שעלטן."

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט די מעשה: "פארוואס פארצייל איך דאס? ווייל יוחנן (איינע פון די געסט ביי די סעודה) טראכט שוין פון אנפאנג יאר 'נאך אביסל גייט שוין זיין שבועות, און איך גיי קענען זיין אין שטעטל פאר שבועות, ס'גייט קומען שבועות אינדערפרי, און מ'גייט זאגן אהבה רבה, מ'גייט זיך אזוי גוט אויסוויינען פאר די גאנצע יאר, אה...' יעצט איז שוין שבועות, ער איז שוין אין שטעטל, און ער איז פארשלאפן... אבער מיר וואס מיר האבן דעם הייליגן רבי'נס עצות און שכל ווייסן מיר אז מען דארף נישט ווארטן ביז נעקסטע יאר שבועות זיך אויסצובעטן, מ'קען יעדן טאג גיין התבודדות און זיך אויסבעטן אלעס וואס מען דארף".

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "ס'שטייט פון צדיקים א סגולה פאר אמונה, מען זאל בעטן שביעי של פסח ביי 'ואמונה כל זאת' צו האבן אמונה, דער ראש ישיבה האט דערציילט: "איידער איך בין מקורב געווארן פלעגט איך ווארטן אויף די מינוט ווען מען גייט זאגן ואמונה כל זאת זיך קענען אויסבעטן אויף אמונה, און שטענדיג פלעג איך זיך פאר'חלומ'ען ביי 'ואמונה כל זאת' און נאכדעם ווען איך האב זיך געכאפט האב איך געדארפט ווארטן ביז נעקסטע יאר שביעי של פסח ביינאכט ביי 'ואמונה כל זאת' ... יעצט נאך איך בין מקורב געווארן געשעט שוין גארנישט אויב איך פארפאס 'ואמונה כל זאת', ווייל איך קען רעדן צום אייבערשטן ווען איך וויל און וואו איך וויל".

דער ראש ישיבה האט גערופן זיין זון יוסף און אים געזאגט אז דער תנא רב יוסף האט געזאגט: "גרייטס מיך אן פיינע קעלבעלע פלייש, ווייל ווען נישט דעם טאג, ווען נישט מען געבט

**מען דארף נישט ווארטן ביז נעקסטע יאר שבועות זיך אויסצובעטן, מ'קען יעדן טאג גיין התבודדות און זיך אויסבעטן אלעס וואס מען דארף.**

די תורה פאר די אידן, 'כמה יוסף איכא בשוקא', וויפיל זשעקי'ס, דזשאו'ס און דזשימי'ס איז דא אויפן גאס"...

דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער קען זיך פארשטעלן ווי אזוי ער וואלט אויסגעקוקט ווען ער וואלט ווען געווען א גוי, אלע קינדער האבן אנגעהויבן דערציילן וואס זיי וואלטן געטון ווען זיי וואלטן געווען א גוי, ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט.

דער ראש ישיבה'ס זון האט געפרעגט דער ראש ישיבה: "וואס וואלט איך געטון ווען איך בין ווען א גוי?" האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "דו וואלסט יעדע זונטאג געשטאנען אויפן גאס מיט א גרויסע בומבאקס ספיקער און געגלאנצט די רעדלעך פון דיין קאר"...

פאר א צווייטן האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דו וואלסט ארומגעפארן זונטאג מיט דיין גראז שניידער און געווארן אפגעבראטן פון די זון"...

דער ראש ישיבה האט דערציילט: "אנפאנג ווען מ'האט געעפנט די שטעטל האבן אסאך אינגעלייט געקויפט גראז שניידערס, איך האב זיי געזאגט 'וואס דארפסטו שניידן די גראז אונטער די זון? געב עס פאר א גוי צו שניידן פאר אפאר דאלער'! למעשה זע איך טאקע אז קיינער ניצט עס נישט"...

דער ראש ישיבה האט דערציילט: "איינע פון די אינגעלייט אין שטעטל פלעגן שניידן גראז פאר מענטשן, נאך א שטיק צייט קומט ער צו מיר זאגן אז ער האט שוין נישט קיין כח דערצו, ער וויל זיך אריינזעצן אין בית המדרש לערנען, האב איך אים געפרעגט 'פון וואו וועסטו האבן פרנסה?' האט ער מיר געזאגט 'דער אייבערשטער וועט העלפן'. ס'איז שוין איבער א יאר און ער זיצט אין בית המדרש פאר זיך און לערנט פון צופרי ביז ביינאכט!" דער ראש ישיבה האט עס זייער באוואונדערט.

נאכדעם איז מען אריין אין שמועס

<<<<

וועגן חתונה מאכן ביליג, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן אויספרעגן אינגעלייט וויפיל זייער שטריימל האט געקאסט, דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "די נייע גרויסע טייערע שטריימלעך האט נישט קיין טעם און קיין ראם, דא אין די קהילה זיכער נישט, סתם צוריסן געלט פאר א שטריימל?! מיינע קינדער - שלמה און אלחנן - זיי האבן געקויפט א שטריימל פאר טויזענט דאלער, ס'איז מלא טעם, מלא חן, אפשר ווייל זיי זענען מיינע קינדער האב איך א נגיעה... אבער ס'איז מלא חן".

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה זיך געטראפן ביים טיש אן זיינע קינדער, אלע קינדער זענען געגאנגען שפילן אינדרויסן פון שבת שטוב, האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "מ'גייט פארציילן א מעשה!" צובליסלעך זענען די קינדער צוריק געקומען צום טיש, און דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט: "זאל מען פארציילן א קורצע מעשה אדער א לאנגע?" אלע האבן געשריגן אז זיי ווילן א לאנגע, האט דער ראש ישיבה ווייטער געפרעגט: "א פרייליכע אדער א שרעקעדיגע?" האבן זיי געזאגט אז זיי ווילן א שרעקעדיגע, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דערציילן:

דוד המלך איז געווען זייער צוגעקלעבט צום אייבערשטן, ער האט אייביג געטראכט פונעם אייבערשטן.

איינמאל איז ער געגאנגען אויפן וועג. א קעניג גייט קיינמאל נישט אליין, אלץ גייען מיט באדינערס צו היטן דעם קעניג, אבער אינמיטן האט ער געדארפט אין בית הכסא, און ווען מ'גייט אין בית הכסא קומט קיינער נישט מיט, ער שפאצירט אליין אריין אין א הייל, פלוצלינג זעט ער שאול המלך שלאפט אויף דער ערד, אן קיין איין סאלדאט, ער וואלט אים רואיג געקענט הרג'ענען, אבער מיט דעם אלעם האט ער אים נישט גע'הרג'עט.

נאך א מעשה האט דער ראש

פלוצלינג געבט ער א עפן אויף די טיר און געבט א שריי "אללא אכבאר!" און ער הייבט אן אריינצושטעכן זיין מעסער אין דעם איד'ס בעט!

ישיבה דערציילט: שאול המלך האט אמאל געשיקט זיינע סאלדאטן צו הרג'ענען דוד המלך, דוד'ס ווייב האט געזען אז סאלדאטן קומען צו איר הויז האט זי שוין גלייך פארשטאנען וואס זיי האבן געוואלט, האט זי געזאגט פאר דוד המלך ער זאל אנטלויפן פון די בעק. נאכדעם איז זי געגאנגען צו דוד'ס בעט און אונטער די דאכענע האט זי אריינגעלייגט פול מיט שמאטעס כדי ס'זאל אויסקוקן ווי איינער איז דארט.

נאכדעם זענען די סאלדאטן אריינגעקומען און געפרעגט וואו דוד המלך איז, האט זי געזאגט מ'זאל פרעגן איר טאטע (דוד המלך איז געווען אן איידעם ביי שאול המלך) וויבאלד דוד פילט נישט גוט, אויב מ'קען ברענגען זיין בעט, אזוי האט זי געקענט אויפהאלטן די סאלדאטן כדי דוד זאל האבן גענוג צייט צו אנטלויפן.

נאכדעם האט שאול גערופן זיין טאכטער אז זי האט אים אויסגעפאפט, האט זי געזאגט אז דוד האט עס געטון, ס'האט גארנישט מיט איר, אזוי האט זי געקענט ראטעווען דוד המלך צו בלייבן לעבן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט: "ענק ווילן הערן נאך א שרעקעדיגע מעשה?" פארשטייט זיך אלע האבן געענטפערט יא, און דער ראש ישיבה האט ווייטער אנגעהויבן: "ס'איז אמאל געווען א איד מיט אן אראבער וואס זענען געווען שותפים אין א ביזנעס, איינמאל האט זיך געמאכט אז ער איז געווען ביי די הויז פון זיין אראבישער שותף, למעשה איז שוין געווארן שפעט, האט ער אפגעמאכט אז ער גייט שלאפן ביי דער אראבער אינדערהיים.

אינמיטן די נאכט זעט ער אין חלום וואו זיין טאטע זאגט אים 'דער אראבער וויל דיך הרג'ענען, לויף ארויס פון בעט', ער האט זיך גלייך אויפגעוועקט און מיט איין

אטעם ארויסגעלאפן פון בעט און זיך באהאלטן אין די קלאזעט. אינמיטן הערט ער ווי דער אראבער קומט נעענטער און זינגט זיך אונטער (דער ראש ישיבה האט נאכגעמאכט ווי אזוי די אראבערס זינגען...) פלוצלינג געבט ער א עפן אויף די טיר און געבט א שריי "אלא אכבאר!" (אלע קינדער זענען געשטאנען פארגאפט מיט אפענע מיילער...) און ער הייבט אן ארייננצושטעכן זיין מעסער אין דעם איד'ס בעט. דער אראבער האט געמיינט אז ער איז שוין טויט איז ער ארויס פון שטוב, און דעמאלט איז דער איד אנטלאפן פון פענסטער".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווער וויל הערן נאך א מעשה?" די קינדער זענען געווען פארנומען צווישן זיך און זיי האבן נישט געענטפערט, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "קיינער הערט מיך נישט אויס..." האבן זיי אלע אויסגעשריגן: "איך הער אויס!" האט דער ראש ישיבה ווייטער דערציילט: ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר די אידן איז דער מלאך קודם ארומגעגאנגען צו אלע פעלקער פרעגן אויב זיי ווילן די תורה, ווען דער מלאך איז אנגעקומען צו די אראבער'ס פרעגן אויב זיי דארפן די תורה האבן זיי צוריק געפרעגט וואס ס'שטייט אין די תורה, האט דער מלאך געענטפערט אז אין די תורה שטייט אז מ'טאר נישט טון קיין עבירות, האבן זיי געענטפערט אז זיי דארפן נישט די תורה, זיי ווילן ענדערש טון עבירות. ווייל די אראבערס זענען די שמוציגסטע פאלק, זיי מאכן זיך אזוי צניעות'דיג מיט שמאטעס און ליילעכער איבעראל חוץ די אויגן איז צוגעדעקט, אבער עכט זענען זיי די שמוציג'סטע פאלק.

איינע פון די קינדער פון דער ראש ישיבה האבן געמוטשעט דער ראש ישיבה ער זאל מאכן דזשאוקס'ס (ווערטלעך), האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גייט דערציילן איין דזשאוק: א איד איז אמאל אהיים געקומען צו זיין ווייב דערציילן די גוטע נייעס אז ער האט זיך יעצט

גלייך האט דער ראש ישיבה אריינגעהאקט: "איך קען נישט די טיפע זאכן, איך פארשטיי נישט דערצו, איך בין א פשוטע מענטש, איך זאג משניות"...

געשפארט דריי דאלער, וויאזוי? ווייל ער האט געוואלט נעמען די באס פון בארא פארק צו וויליאמסבורג, ער האט אנגעהויבן נאכלויפן די באס און נישט געקענט נאכיאגן, למעשה טרעפט ער זיך נאך צוויי שעה נאכלויפן די באס אז ער איז שוין אין וויליאמסבורג, האט ער זיך געשפארט די דריי דאלער וואס ער וואלט באצאלט פאר א באס, האט זיך אים געענטפערט: "אזא שאד, ווען דו לויפסט ווען נאך א קאר סערוויס וואלסטו זיך געקענט שפארן דרייסיג דאלער!"...

איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז ער האט א חידה וואס ער וויל פרעגן דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל אים דערציילן די חידה.

ער האט אנגעהויבן דערציילן אז איינער האט אמאל געוואלט קויפן א קאר פאר פינף הונדערט דאלער, גלייך האט דער ראש ישיבה אריינגעהאקט: "איך קען נישט די טיפע זאכן, איך פארשטיי נישט דערצו, איך בין א פשוטע מענטש, איך זאג משניות"... למעשה האט ער געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז ס'איז נישט טיף, און דער ראש ישיבה האט אים ווייטער אויסגעהערט מיט סבלנות.

ער האט פארציילט אז א זון האט געבארגט פון זיינע עלטערן פינף הונדערט דאלער צו קויפן א קאר, למעשה קומט ער אן צו די קאר דילער און ער זאגט אים אז די קאר איז אויף סעיל און ס'קאסט נאר פיר הונדערט און פופציג דאלער, ער האט געקויפט די קאר, יעצט האט ער דאך פופציג דאלער אין טאש, האט ער אנגעפילט געז פאר דרייסיג דאלער, איז ער איבערגעבליבן אין טאש מיט צוואנציג דאלער, ער טראכט צו זיך 'איך האב צוואנציג דאלער אין טאש, לאמיך יעצט אנהייבן באצאלן די חובות', ער געבט צען דאלער פאר זיין טאטע און צען פאר זיין מאמע, איז ער נאך

<<<<

שולדיג צוויי הונדערט פערציג פאר זיין טאטע און צוויי הונדערט פערציג פאר זיין מאמע, יעצט לייגט מען צו נאך דרייסיג דאלער פון די געז, קומט עס אויס צו פינף הונדערט און צען דאלער?!... ס'איז געבוירן געווארן נאך צען דאלער...

האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "דאס טוען אלע גנבים, אזוי נעמען זיי ארויס פון מענטשן געלט, זיי מאכן צעטלעך מיט דאקומענטן אזוי ווי די מעשה, און מענטשן ווערן שוואך דערפאר, מ'זעט קלאר ווי ס'שטימט, ס'ווערט געבוירן נאך צען דאלער..."

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק האט לעצטנס פאסירט אזא מעשה, איינער האט ארויסגע'גנב'עט געלט פון מענטשן דורכ'ן ווייזן פאלשע צעטלעך, און מענטשן האבן אריינגעלייגט דארטן שווערע געלטער, און ביים סוף האט ער זיי אלע בא'גנב'עט. דארף מען פאלגן וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן, מ'זאל נישט געטרויען קיין מענטשן.

צוויי געסט וואס האבן געגעסן ביי די סעודה זענען מלמדים אין אנדערע מוסדות, נישט אין ברסלב'ע חדר, און דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט וואס ס'טוט זיך ביי זיי אין תלמוד תורה, און דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט אויב זיי הערן די שיעורים פאר מלמדים אויף די האטליין, פארשטייט זיך אליין זיי האבן געענטפערט אז יא, און אז דאס געבט זיי די גאנצע חיות און כוח פארן טאג.

האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיי: "איך האב א ציל אז אלע מלמדים פון אלע מוסדות פון די גאנצע וועלט זאלן אויסהערן די שיעורים פאר מלמדים אויף די האטליין, אזוי קען מען די גאנצע וועלט צוריק ברענגען צום אייבערשטן, אלע אדמו"רים זאלן ווייטער פירן זייערע מוסדות און פאנדרעיזן געלט, אבער אינעווייניג זאלן אלע מלמדים הערן די חיזוק פון רבי'ן פאר מלמדים, אזוי קען מען מער אריינבראקן אין די קינדער פון אינגווייז אן, אמונה אמונה אמונה. אויב מ'קען עס באווייזן קומט די גאולה!" און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "מ'האלט שוין אויף א וועג!"...

> **"אזוי קען מען מער אריינבראקן אין די קינדער פון אינגווייז אן, אמונה אמונה אמונה. אויב מ'קען עס באווייזן קומט די גאולה!"**

שפעטער איז אריינגעקומען צו די סעודה צוויי חשוב'ע געסט, מרדכי לייב טירנויער און שמואל אייזיק פערל, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו שמואל אייזיק: "דער רבי האט געזאגט פאר זיין תלמיד שמואל אייזיק 'שמואל אייזיק', וועגן אביסל הייסע בלוט זאלסטו פארלירן די וועלט און יענע וועלט? קרעכץ עס אויס!"

מרדכי לייב האט זיך געוואלט אראפזעצן ביים טיש, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "מרדכי לייב קען נאר ארויפקומען אויב ער זינגט די ניגון 'מנאן ומאן', ער האט געזינגען די גאנצע ניגון, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז א הערליכע ניגון.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די אייסעס, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן טיילן פאר די אינגערע, אינמיטן האט א קינד זיך אנגערופן: "איך האב ליב רויטע אייסעס", האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו לאכן און געזאגט: "אייסעס" האט מען נישט ליב, אייסעס עסט מען, דער אייבערשטער האט מען ליב!"...

נאכדעם האט מען געזינגען 'קרוץ מחומר' אפאר מאל אין א ציה, ס'איז געווען הערליך שיין.

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע סעודה, און שכח אייבערשטער איך האב געקענט אביסל מיטטיילן מיט די בלעטל ליינער, מיר האפן אז איר האט הנאה געהאט.

# די לאטערי געוואונער

ל. שיינער

אוקריינא איז אין קאמף. שוין איבער א יאר וואס פוטין - דער פירער פון רוסלאנד - וויל נאר אינוואדירן און איינעמען אוקריינא, אבער אוקריינא ווענדט אן אלע כוחות נישט צו אויפגעבן. אויפן פראנט שיקן זיי ארויס הונדערטער סאלדאטן, אנגעפירט דורך גרויסע אפיצירן פון הויכן ראנג, נישט צוצולאזן די רוסן צו קענען אינוואדירן.

פרובירט רוסלאנד דורך אנדערע מיטלען. זיי שיקן אריין ראקעטן ביז קיעוו - הויפט שטאט פון אוקריינא, אפשר וועט זיי געלונגען צו חרוב מאכן דאס לאנד, און די אוקריינער וועלן זיך מוזן אונטערגעבן.

אנגעגארטעלט מיט מוט צו קריגן פאר די לאנד און זיך אננעמען פאר גערעכטיגקייט,



קריגן די אוקריינישע סאלדאטן. זיי גייען אין פייער אין וואסער און זענען שטאלץ איינצושטעלן זייער לעבן.

זאלענסקי - דער פירער פון אוקריינא - שיקט זיין ארמיי אויף אלע פראנטן. זיי ארבעטן צו באוואכן די הימלען העכער זיי, קיינער זאל נישט אריינקומען מיט ערעפלאנען, און זיי באנוצן זיך מיט גאר טייערע מאשינען וואס זיי האבן באקומען פון אמעריקע, וואס די מאשין כאפט אויף ווען א ראקעט קומט צו פליען און האקט עס אראפ עס זאל מאכן וואס ווייניגער שאדן. און פון די אנדערע זייט דארף מען אויך אכטונג געבן אויף די ציווילע בירגער פון לאנד זאלן זיין באשיצט. און ווען ס'צינדט זיך אן די סיגנאלן און סירענעס דארפן זיי האבן בונקער'ס זיך צו באהאלטן.

מיט וועלכע קוריאזע מיטלען רוסלאנד וועט אויפקומען איז זאלענסקי גרייט צו איבערקלוגן און איז בשום אופן נישט גרייט צו אויפגעבן.

■ ■ ■




אויף איינע פון די גרויסע מיליטערישע שטחים זיצט א גרויסע מאגאזין, וואס מ'האט אויסשטאפירט מיט אפאר גרויסע אויוון'ס און קאמערציאלע קראנען, ריזיגע טעפ, און אלע צוגעהערן פאר א מיליטערישע קאך.

'מינסקי' איז א מומחה אין זיין פאך, ער לייגט אריין קאפ און מח און אוודאי אויך פיזישע ארבעט, צו קענען צושטעלן נאראאפטיגע מאלצייטן פאר די פילע טרופן וואס פאלן דארט אריין מאכטלאז, און שטארק איבערגעשטרענגט. עטליכע זענען אפילו פארוואונדעט און צוקלאפט.

מינסקי לויפט פון איין ריזיגע טאפ צום צווייטן צו געבן א מיש אדער פארזוכן וויפיל זאלץ מ'דארף צולייגן, דערווייל וואס ער טיילט איין פאר יעדע פון זיינע געהילפן וואס צו טון.

אינצווישן וואס ער איז אזוי פארנומען לויפן פון איין זאך צום צווייטן, האט ער נאך אינזין זיך צו דרייען אין די עס זאלן - ווי די סאלדאטן ווערן סערווירט, כדי זיי צו געבן א מוטיגן שמייכל און מאכן זיכער אז די סארווערס טיילן אויס די עסן מיט הארץ און שעצונג.

מיט דעם



אלעם געדענקט ער אויך צו אנצינדן אביסל מוזיק אויפצוהייטערן די געמיטער און זיי געבן די געפיל אז זיי זענען העלדן, זיי זאלן ווייטער אנגיין מיט די שווערע שלאכטן.

אפילו די גאר הויכראנגיגע גענעראלן, וואס זייערע אנצוגן האבן שוין עטליכע גאלדענע מעדאלן - צו ווייזן זייער העלדישע עררייכונגען - קומען אן צו מינסקי'ס קאך צו באנייען זייערע כוחות.

מאכט זיך איין טאג, וואס איינע פון די סאלדאטן קומען צו צו מינסקי מיט א ברייטע שלום עליכם. מינסקי רייכט אים צוריק די האנט, דערקענענדיג אים אלס בראנדסקי זיין יונגט פריינד, וואס זיי האבן זיך גוט פארשטאנען איינער דעם אנדערנ'ס הארץ.

בראנדסקי קוקט צו מינסקי מיט א בליק פון רחמנות: "מינסקי דו דרייסט זיך דא ארום מיט דיין ווייסע פארפלעקטע שירצל - א סימן פון יעדע מאכל וואס מ'האט היינט סערווירט. דיין פנים איז פאררייכערט און פארשוויצט פון קאכן טאג און נאכט אין דעם פארשטויבטן מאגאזין."

עצה'ט ווייטער בראנדסקי פאר מינסקי "קום" ארויס אביסל אינדרויסן אויפן פראנט, דו וועסט האבן די גוטע געפיל פון קריגן פארן לאנד, איך זע אין דיר געוואלדיגע כשרונות וואס דו דארפסט אויסנוצן, אז דו וועסט דאס טון וועסטו זיכער מצליח זיין. וועסט קענען שטייגן אין ראנג, און באקומען א מעדאל. און אז דו וועסט מצליח זיין וועסטו באקומען כבוד פון די הויכע אוקריינישע רעגירונג באאמטע,



מ׳וועט הערן דיין נאמען ביי
די נייעס, און דיין נאמען
וועט זיין אין די הערליינס
ביי אלע פאפירן״.

וואס איז שייך מסביר זיין??

אז בראנדסקי פארשטייט נישט די וויכטיגקייט פון מינסקי׳ס אנגייענדע ארבעט און געטריישאפט איז עס זיין פראבלעם. כאטש בראנדסקי פלעגט אים זיין אזא געטרייע הארץ פריינד, אבער דא פארשטייט ער שוין נישט צו מינסקי׳ס תפקיד. מינסקי קען זיך נישט ערלויבן צו אננעמען פון אים, ווייל עס וועט אים נאר צושטערן און מאכן בילבולים; און אנשטאט צו טון די ארבעט ווי א פרינץ אין פאלאץ וואס איז פארנומען מיט די אוצרות, וועט די ארבעט ווערן ווי א קנעכט אונטער זיין לאסט וואס ווארט צו אנטלויפן.

■ ■ ■



באשע איז די רייכע פרוי אין געגנט וואס עס איז א זכי׳ צו כאפן א שמועס מיט איר, אבער זי איז פארנומען, זי האט נישט צופיל צייט. דער אייבערשטער האט איר באשערט צו זיין די אויסדערוועלטע. זי האט לעצטנס באקומען א גוטע בשורה - זי האט געוואונען די לאטערי. אלע משפחה מיטגלידער און חבר׳טעס האבן איר באזינגען מיט די בעסטע וואונטשן, מיטפרייענדיג זיך מיט איר שמחה. אבער דא רעדן מיר נישט פון א פשוטע לאטערי וואס ארבעט מיט פשוטע געלט, מיר רעדן פון די גרויסע לאטערי ווי מ׳געוואונט א קינד! נישט דורך גורלות פון פשוטע שלוחים, נאר פון אייבערשטן אליין!

אין קורצן, ׳באשי איז געבענטשט געווארן פון אייבערשטן מיט איר פיפטע קינד!׳

נאכן זיך אויסרוען עטליכע וואכן, און אסאך תפילות צום אייבערשטן אויף אסאך כח, האט באשי געענדיגט אפנעמען אלע פריילעכע מזל טוב׳ס, און זי גארטל׳ט זיך אן מיט מוט און שמחה צו צוריקגיין צו איר ווירטשאפט פון ׳5 אונטער 5׳!

באשי איז א מומחה אין איר פאך. זי לייגט אריין קאפ און מח און אוודאי אסאך פיזישע ארבעט צו צושטעלן פאר איר מאן און קינדערלעך יעדער וואס זיי דארפן, כדי צו זיין קרעפטיגע סאלדאטן אין אייבערשטנ׳ס ארמיי, זי בויעט יעצט כלל ישראל.

זי לויפט פון די טאפ צו די וואש מאשין, צו די וויגעלע, און צו די קינדער וואס האבן זיך צוקריגט כדי צו באקומען אביסל אויפמערקזאמקייט. דערווייל פרובירט זי אביסל איינשפאנען אויך די קינדער לויט זייער עלטער וואס דורך דעם וועלן זיי באקומען די פארדינטע אויפמערקזאמקייט. אויך געדענקט זי צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע קליניג לעדי וואס זאל רייניגן די שטוב און גרינגער מאכן די ארבעט, כדי צו האבן מער רואיגקייט זיך אפצוגעבן מיט אירע אוצרות.



אינצווישן וואס זי איז אזוי פארנומען מיט איין זאך אין צווייטן האט זי נאך אינזין אז ווערן איר מאן קומט אהיים, זאל די עסן סערווירט ווערן מיט א מוטיגן שמייכל, צו לאזן שפירן די הארץ און שעצונג וואס זי האט אריינגעלייגט בשעת׳ן קאכן (אפילו זי איז אנגעקומען צו קאכן אסאך וויניגער ווי געפלאנט).

מיט דעם אלעם געדענקט זי אויך צו אנצינדן אביסל מוזיק יעדן טאג, צו דאנקן דעם אייבערשטן און טאנצן מיט די קינדער. דאס וועט אויפהייטערן די געמיטער, אביסל פארגעסן צו וויינען און מוטשען, און אויך זאל עס בלייבן אין די ביינער אז עס איז גוט צו זיין א איד.

אפילו איר מאן ווען ער טרעפט זיך ענדליך אינדערהיים נאך א טאג פון גאר שווערע קאמפליצירטע ארבעט, און זיך דארפן קאנפראנטן מיט נסיונות פון די גאס, באקומט ער





באנייטע כוחות ווען ער ווערט אנגעשטעקט פון די הארץ-ווארעמע שטימונג אינדערהיים.

מאכט זיך איין אויפדערנאכט, איך טרעף זיך זיצן ביי איין טיש מיט באשי, מיר זיצן ביידע ביי א שבע ברכות. מיין שעצונג צו איר איז נאר געוואקסן ווען איך זע ווי צופרידן און פריילעך זי איז צו זיין אזוי פארנומען מיטן זיין א 'בויער'ן פון כלל ישראל'. זי זעט באמת אויס ווי א מיליאנער וואס איז גאר שטארק פארנומען מיט טייערע אוצרות.

קומט אריין גענעשא אין שטוב פונעם שבע ברכות. זי ווענדט זיך צו אונזער טיש צו אפגעבן די מזל טוב פאר באשי. גענעשא און באשי זענען בעסטע קוזינ'ס נאך פון קינדערגארטן ביז יעצט, אלעמאל האבן זיי זיך פארשטאנען אויפן וואונק. זיי וואונטשן זיך אן ברייטהארציג דאנקענדיג דעם אייבערשטן אז מ'טרעפט זיך אלעמאל אויף שמחות.

גענעשא גיבט א קוק צו באשי מיט א בליק פון רחמנות: "באשי דו ביזסט פארנומען טאג און נאכט, נאכט און טאג צו גיין פון איין קינד צום צווייטן, ווען אויף דיין קלייד מאכן זיי האנט אפדרוקן פון פינאט באדער און יאגערט". גענעשא רופט זיך אן צו באשי: "דו מוזסט זיך אביסל ארויסרירן פון דיין הייזקעלע. קום אויף שבת צו די שבת שבע ברכות, יעדער פארט, און אלע וועלן זיך פרייען צו דיר, עס וועט זיין אזא מצוה פון 'כיבוד אב ואם', איך זאג דיר וועסט הנאה האבן, און וועסט נאך האבן אזא גוטע געפיל אז דו ביסט א מענטש צווישן מענטשן".

און וואו לייגט מען די קינדער? אה דאס איז בכלל נישט קיין פראבלעם. איין קינד וועט גיין צו שאשי די שדכן, איינער צו שיינדי די שניידער, איינער צו רייזי די רייניגער, איינער צו רעכי די רעכענער, און איינער צו רעלי די לערערין.

זיי זענען ווארעם משפחות זיי וועלן זיכער ווערן ארויסהעלפן א פאריאגטע מאמע צו גיין אויף אזא 'ווירקליכע שמחה' ווי מ'וועט מקיים זיין די מצוה פון 'צאמהאלטן די משפחה'!

באשי פרובירט נאך צו ערקלערן אז יעצט איז נישט א פאסיגע צייט פאר איר צו צוטיילן די קינדער ביי בעביסיטערס, און זיך גיין לופטערן. זי האט אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן וואס איז ריכטיג און למעשה זעט זי עס איז נישט יעצט אין פלאץ.

וואס איז שייך מסביר זיין???

אז גענעשא פארשטייט נישט די וויכטיגקייט פון באשי'ס אנגייענדע ארבעט און געטריישאפט איז עס איר פראבלעם! כאטש וואס גענעשא איז אלעמאל געווען אזא געטרייע קוזין און חבר'טע, אבער זעט אויס אז יעצט איז זי אין אן אנדערע מצב, און זי פארשטייט נישט באשי'ס תפקיד.

נאכן זיך נאכאמאל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן וואס איז ריכטיג צו טון, איז קלאר ביי באשי אז זי קען זיך נישט ערלויבן צו אננעמען פון גענעשא, ווייל עס וועט איר נאר צושטערן און מאכן בילבולים. אנשטאט צו טון איר ארבעט ווי א פרינץ אין פאלאץ וואס איז פארנומען אכטונג צו געבן אויף די ווערדפולע אוצרות, וועט די ארבעט ווערן ווי א קנעכט אונטער זיין לאסט וואס ווארט אויף א געלעגנהייט צו אנטלויפן.

באשעפער העלף מיר איך זאלן נישט ווערן צומישט פון מענטשן און פון 'יעדער', נאר נוצן דעם רבינ'ס עצה פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, וועט מיר זיין קלאר וואס יא און וואס נישט, העלף מיר איך זאל זיין שטארק צו טון נאר דעם רצון ה', איך זאל שטענדיג וויסן וואס דו ווילסט יעצט פון מיר איך זאל טון, נאר דאס זאל איך טון. ■



# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




חתונה פון מו"ה אשר דוב אינדארסקי הי"ו - סיון
תשע"ב

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קרית ברסלב בלעטל

## קינדער אפטיילונג

פרשת חקת

## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך האב אזוי שטארק געוואלט האבן א זון וואס זאל**

א. גיין אין שול מיט טלית און תפילין
ב. גיין א גאנצן טאג מיט טלית און תפילין
ג. דאווענען בתמימות ופשיטות
ד. דאווענען מיט א דביקות

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער בעל שם טוב האט געזאגט: עס לוינט פאר א נשמה אראפצוקומען אויף די וועלט זיבעציג יאר
**אבי צו קענען א טובה טון פאר א איד**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**חי' צירל פורסט תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

**דו ביסט צען יאר אלט, קענסטו יעצט זוכה זיין צו גיין אויף די וועג פון צדיקים.**

**געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, רעד אויף דיין שפראך, אין אידיש; בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זיין א גרויסער צדיק.**

**אויך זאלסטו היטן דיינע אויגן; ווען דו גייסט אין גאס זאלסטו פרובירן קוקן אויף די ערד, פרוביר ווי וויניגער אויפהייבן די אויגן. אז מען היט די אויגן קען מען נאכדעם לערנען און דאווענען בקדושה ובטהרה.**

(עצת אמונה פרשת בהר-בחוקותי תשפ"א)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ז | מ | ד | צ | ג | ג | י | י | נ | ב | ז | א | ל | ס | ט |
| י | פ | ע | א | ר | ע | נ | ד | ד | ר | ע | ד | נ | ל | א |
| י | ד | ו | נ | ו | ג | א | י | ד | י | י | נ | ע | ד | ו |
| נ | ז | ל | נ | י | ו | נ | י | ו | א | ו | ו | ע | ג | נ |
| ו | ק | י | ו | ס | ק | ע | נ | י | ו | ט | ס | ל | א | ז |
| ו | ו | א | כ | ע | ע | ג | נ | צ | ב | ע | ט | ב | ז | נ |
| י | ק | ה | ד | ר | נ | י | פ | ע | ו | ע | ד | ג | ר | ט |
| י | נ | י | א | י | ד | י | ש | נ | נ | א | ר | י | ק | א |
| נ | ש | ט | א | ו | ו | ס | ו | צ | מ | ל | ב | ש | ו | ש |
| י | י | נ | ט | א | ל | ט | ד | י | ע | ו | ח | י | ט | צ |
| ג | ח | י | ג | א | ס | ח | ק | ר | ר | ל | פ | א | י | נ |
| ע | ה | ע | ז | ל | ט | י | נ | פ | פ | ה | ד | ז | א | ש |
| ר | נ | נ | א | כ | ד | ע | מ | י | י | ר | ל | מ | ר | כ |
| כ | ח | ז | ר | צ | נ | ש | ו | י | ע | ק | א | ו | י | פ |
| נ | א | נ | ע | ד | ו | א | ב | ע | ב | ק | ד | ו | ש | ה |
| ו | ע | ר | ד | י | ו | נ | ט | צ | צ | י | א | ק | ק | ו |
| ו | ד | ו | פ | ק | י | נ | ה | ט | ו | ט | ס | נ | ע | ק |
| ע | ש | ע | ו | ש | ע | ד | ר | צ | ה | ט | ס | ט | ה | א |
| ג | ש | ת | מ | מ | ו | צ | ה | ז | ו | כ | ה | צ | ש | י |

## טרעף די וועג

*כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן*



## שטיקעלע ספר המדות



# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

ב. עִיר שֶׁאֵין בָּהּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים בָּאִים לִידֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וְעַל יְדֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת בָּא עֲלֵיהֶם הֲרִיגָה.

אַ שְׁטָאט וָואס מֶען נֶעמְט דָארְט נִישְׁט אַרַיין קַיין גֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן טוּן הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֲבֵירוֹת מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן גֶע'הַרְגֶ'ט וֶוערְן.

*דער רבי האט געלערנט אויפן ספר המדות:*
*"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"*

## שיחות פון רבי'ן פארהער

*וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?*





*ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס, דארפסטו אויך גלייבן אז דו קענסט פארעכטן!"

## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד - דער ראש ישיבה שליט"א ביים באטראכטן
דעם קונטרס "עצתו אמונה" - זומער תשע"ח

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

חי' היימליך תחי' - קרית ברסלב פארציילט:










אסתר פריעדמאן תחי' - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: יודא לייב ווייס

לחיים/ווארט/תנאים פון החתן חיים ברייער הי״ו
דינסטאג קרח



קרעדיט: לייבי ראטה

היכל ראזענבערג ווערט צוגעענדיגט און גרייט פאר די
בחורים צו זיצן און לערנען במשך דעם זומער



קרעדיט: לייבי ראטה



קרעדיט: לייבי ראטה

ברית אין שטעטל פון הילד שלמה גבריאל נ״י בן הרב
מרדכי אינדיג שליט״א - דאנערשטאג קרח



קרעדיט: יעקב פייש

א בליק אריין אין ישיבה קטנה היכל הקודש ירושלים -
זונטאג חקת-בלק



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

קריאת שמע ליינען בן מו״ה ברוך יאקאבאוויטש הי״ו -
דאנערשטאג קרח


קרעדיט: אברהם הערש



קרעדיט: אברהם הערש

דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס - ה' קרח



קרעדיט: אברהם הערש



קרעדיט: אברהם הערש


אסיפת מלמדים אין שטעטל חדר מיטן מנהל הרב מרדכי אינדיג שליט"א - קרח תשפ"ג


סיום ששה סדרי משנה פון א דרייצן יעריגער בחור בייס חבורה אין שטאט ברכפלד - קרח תשפ"ג


קרעדיט: שמעון פארטיגאל

שיעור ליל ששי פרשת קרח אין קרית ברסלב

ב ס" ד

# ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

## געציילטע זכותים פארבליבן

ועד
**כתיבת ספר תורה**
לע"נ מרן מוהרא"ש זי"ע
ע"י קהל אנשי שלומנו
חסידי ברסלב תלמידי היכל הקודש
ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

### די לעצטע פארבליבענע פרשיות

תרומה | פקודי | בלק | ראה
תצוה | מצורע | מטות | כי תצא
ויקהל | אחרי | מסעי

## נאך 9 עמודים געבליבן



**האנדלט איך היינט**
**איין א אייביגע זכות:**

פרשה $1200

עמוד $500

מ'קען באצאלן מיט פעימענטס

פארבינדט איך מיט מוה"ר שבתי מארקוס הי"ו

347.735.9688

ב"ה

# fun till the sky!

## We are ready for another summer full of fun!!

Light refreshments will be sold

Outdoor activities will be open every Sunday and Wednesday (weather permitted) indoors will be open all other days...

Waiting to serve you the TANTZ MIT AMUNA crew

טאנץ מיט אמונה

**Hours:**

Sunday 11-7

Monday till Thursday 2:30-7

Friday 1- till 3 Hours before the zman

Price $8 per child
Punch card (10 punches) $50

for private appointment call **845-376-0380**

**121 twin bridge liberty N.Y.**

IDEA. 8457769664

# ראש השנה
# אומאן
## תשפ"ד

**באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | היימיש**



## פלען איט רייט

### טשארטער 1:
**ארויס: מאנטאג, כ"ה אלול**
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM

**צוריק: מאנטאג, צום גדלי'**
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM

### טשארטער 2:
**ארויס: דינסטאג כ"ו אלול**
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM

**צוריק: מאנטאג, צום גדלי'**
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM

**באקוועמע פליגער**
**עטה"ק**

היימישע געשמאקע
מאכלים א גאנצע וועג

**פרייז רעכנט אריין**
**אלע אינערליכע**
**רייזעס ביז עיה"ק**
**אומאן, מיט די**
**פריוואטע פלען**
**איט רייט באנען**

כדי זיך צו
פארזיכערן מיט
די early bird
דארף מען זיין
אפגעצאלט ביז
ר"ח אב

# טשארטערס
קיין
ריישא
פוילין

**ECONOMY: CHARTER 1: WAITING LIST ONLY $2800 | CHARTER 2: $2500**

**$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS**

### אפציע 3:
**כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע 22 גרופ-טיקעטס**
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)

פרייזן
אנגעהויבן
פון $899

# פלען איט רייט
# טשארטער באן
## פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע

### טשארטער באַן 1:
ארויס: דינסטאג
צוריק: מוצאי יו"ט

### טשארטער באַן 2:
ארויס: מיטוואך
צוריק: מוצאי יו"ט

**באקוועמע באנען**
**עטה"ק**

היימישע געשמאקע
מאכלים א גאנצע וועג

**אריינגערעכנט די רייזעס**
**פונעם באן ביז אומאן**

די שנעלסטע און
גרינגסטע וועג אריבער
צו גיין די גרעניץ



**פרייז: $595**

היות מיר וועלן הערשט
באשטעטיגן חודש אלול די
גענויע באנען צייטן

**דעריבער**
**וועלן מיר נאר**
**פארקויפן**
**פריוואטע**
**באנען-**
**טיקעטס פון**
**ר"ח אלול**